STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13591

FREYDKE

Kadia Molodowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאדיע מאלאדאווסקי

פריידקע

(צווייטע אויפלאגע)

ארויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער"
וואַרשע 1936

פון זעלבן מחבר

דערשינען:

חשוונדיקע נעכט, קלעצקין־פארלאג, ווארשע 1926.

גייען שיכעלעך אַוועק, ווען די וועלט האָט נאַראַנעק (מעשהלעך), פארלאג צענטראלע שול־אָרגאַניזאַציע, ווארשע 1931.

דזשיקע גאַס, פארלאג „ליטעראַרישע בלעטער".

ערשטע אויפלאגע: ווארשע 1933.

צווייטע אויפלאגע: ווארשע 1936.

גרייט צום דרוק:

אַלע פענסטער צו דער זון (קינדער־פיעסע און מעשהלעך).

Printed in Poland

K. Mołodowski — FREJDKE
(Nakład drugi)
Nakład tyg. „Liter. Bleter"

Druk. „Grafia", W-wa, Nowolipki 7

פריידקע

פּאָעמע

I

פ ר י י ד ק ע

פרײדקע מײן העלדין,
מיט געשװױרענעם קאָפּ און מיט אײליקע טריט.
זי שיטן זיך אױס אױף דער גאַס,
נישט געצײלט,
נישט געהיט.
הונגערטער, טױזנט און טױזנטער טריט.

פרײדקע מײן העלדין,
זי װאָלט געקאָנט זײן אַ געװאָגטער מאַטראָז
און פירן אַ שיף,
און זײן באַלעבאָס,
אַזאַ הײלביקע שטים האָט זי.

זי װאָלט געקאָנט האַלטן אין האַנט אַ לונעט
און זוכן אין הימל
אַ ניַיעם פּלאַנעט.
אַזעלכע ליכטיקע אױגן האָט זי.

זי װאָלט געקאָנט זײן אַ פּױער אין לאַנד
און אױסמעסטן פעלדער

און ש״טן א פלאַנט,
איזעלכע שטאַרקע הענט האָט זי.

זי האַנדלט מיט אייער,
פריידקע מיין העלדין,
איך זע אירע טעג, אירע שעהן,
איך קען אירע פעקלעך,
פאַרקניפּטע מיט שטריק
און פאַרטיק צום וואַנדער,
אין ליוונט אין געלן, אין גרינעם און בלויען.

ווען איר האָט נישט איינמאָל
פאַרטאָג ביי מיין פענסטער
א וואָלקן געהאָנגען,
א טונקעלע כמאַרע.
און לערמאַנטאָוו האָט מיר געשושקעט אין אויער:
אויפן מאַרק צווישן קוישלעך
זיצט דיין טאַמאַרע.

ווען איר האָט נישט איינמאָל
ס'איז יזעקס.
די טאַם גיט א רוף.
פריידקע, איר קויש אויף דער האַנט,
איר אָרבעט, איר ברויט, איר באַרוף.
די קופּערנע גראָשנס,
דאָס קופּערנע אומגליק,
איז ערגעץ באַהאַלטן.
זי יאָגט זיך נאָך זיי

איבער שטיין,
איבער שטאָק.
ווי צעריסענע זעגלען,
פלאַטערן מידע
פון קליידל די פאַלדן.

ווען איר האָט נישט איינמאָל
פאַרטאָג ביי מיין פענסטער
דער רעגן געאומערט (אויף דעם איז ער מייסטער).
עס קענען נישט דעקן דעם דאַך און די קוילן
די קופערנע גראָשנס ביי פריידקען אין טייסטער.

דער טייסטער אָ־וואַ !
אַט דער ברודיקער טייסטער
וואָס גייט בירושה פון טאַטן צו קינדער,
וואָס קען נישט פאַרדעקן די לעבער אין דאַך
מיט הילצערנע שינדלען.

דער טייסטער אָ־וואַ !
וואָס יאָמערט אין ערגעץ אַזוי ווי אַ האַרץ.
אין קעשענעס, ווייטערישע, מאַנספּילשע, קאַלטע,
וואָס שענדעט און ליגט, ווי אַ לאַסט,
ווי די לאַמע די געלע אין מיטלאַלטער.

דער טייסטער אָ־וואַ !
אַט־די אַרעמע טאַרבע פון יידישן מאַרש,
אין ציטערדיקע, געלע, שווינדזיכטיקע פינגער,

ס'זענען טאַטשקעס מיט ליים, ס'זענען הילצערנע קלעצער,
ס'זענען אייזערנע שטאַפּעס שוין טויזנט מאָל גריננער,
שוין טויזנט מאָל גרינגער.

הער טייטער אַ־וואַ !
די טאַרבע פון אומגליק,
די טאָרבע פון סם,
עס שטייען די בעבעכעס שטענדיק פאַרקניפּטע,
פאַרפּאַקטע אויף לויפן לעבר הים.

II

די פּטעליע נידעריק

די פּטעליע נידעריק איבערן קאָפּ,
האָט פענסטער קרום (ווי אין אַ טעאַטער־דעקאָראַציע),
רעמבראַנדטס אַ בילד, (האַ־האַ).
געקויפט מסתמא אויף אַ ליציטאַציע,
אַ קינדער־בעטל מיט אַ הויכן שעניק,
אַ ביכער־פּאָליצע „טוביה דער מילכיקער" און „פּענעק",
אַ וואַסער־קראַן.
אַ שענקל פאַרן ברויט און פאַר געפעס,
און פרידקע, די באַלעבאָסטע, געשוירן ווי אַ יינגל,
מיט ייִנגלערישן זשעסט.
— די הענט, דאָס זענען וועסלעס — זאָגט זי —
און האָר קאָפּ דער רודער,
אַ שאָר, עס איז קיין שיף נישטאָ,
דער ים איז אָט־דאָ בורע.
און ייִנגלעריש שאַרט זי אַרויף די האָר מיט ביידע הענט,
איך דינער שאַטן
טוט אַ טאַנץ, אַ הוידע זיך, אַ פאַל
אויף בלויע נידעריקע ווענט,
צעברעכט זיך אויף דריי שטיגן,
עס וואַרט די סקריפּענדיקע טיר —

(די טיר זינגט אויס אַן אָפּגעהאַקטן ניגון,
אַ קורצן מאַרש, אַ זיפֿץ אַ שוואַכן,
ביים עפֿענען און ביים פֿאַרמאַכן.)
דערנאָך דער הויף מיט שפּיציקע און גרויע שטיינער,
דערנאָך דער טויער און די גאַס — — —
די גאַס — דער באָרוועסער דער ייִדישער יאַריד,
אָ, פֿינסטערניש —
איך קאָן פֿאַר איר קיין ווערטער נישט געפֿינען,
דער קויש — מיט אייער,
קנאָבל,
און ציטרינען,
אָ, פֿינסטערניש, איך קען פֿאַר זיי קיין ווערטער נישט געפֿינען,
אין אַ פֿינסטער מאָמענט זיך אַ ניי־מאַשין,
דאָס רעדל כריפּעט, שנאָלט.
אָ, פֿינסטערניש —
אַ נס... די זון אַ נס — — — —
האָט אויסגעשאָטן דאָ אַ קויש מיט גאָלד.

III

דער קויש

זעלם פּאַרטאָג קלאַפּט פרייִחקע שוין מיט האַרטע שקראַבעס
אויפן טראָטואַר.
די יינגלערישע האָר צעשאָטן.
אַ פּופּציק שטאָק שוין דורכגעלאָפן,
אַ פינעף גאַסן אויסגעטראָטן.
דער קויש מיט אייער צוגעדריקט צום דיך.
רייזעלע איז שוין מסתמא אויפגעשטאַנען,
גיכערגיך, גיכער־גיך.
די עלנבויגן זענען אָפּגעבריענט און שאַרף.
— מען האַרף אַוועקטראָגן דעם מאַרימאַנטער פיניעלע דעם חוב,
מען דאַרף, מען דאַרף.

דער מאַרימאַנטער פיניעלע האָט אַ פולע באָרד מיט זאָרג.
איז פאַרן חאַוונען זאָרגט ער סתם פאַר גאָט,
און נאָכן חאַוונען — פאַר זיין קראָם פון מילכיקס און פון אייער.
— מען קען נישט קיינעם, זאָגט ער, אָנטרויען אויף באָרג,
ווייל ראשית חכמה האָט גאָט באַשאַפן די מטבע.
און פיניעלע דער מאַרימאַנטער הינקט־צו און רעדט בכבודיק
און מיט באַדייט,
(באַטש בידינג פים האָט ער איינגאַנצן גלייבע, קומט דאָ צוצוגעבן,

ער הינקט אויס אהבה צום וואָלאָמינער רבין,
וואָס גייט אַביסל מיט אַ זייט).
רעדט ער אַזוי און זיין באָרד
פאָטאָקעוועט אים וואָרט ביי וואָרט.
— אייער — זאָגט ער — איז אַן אידעלער פּראָדוקט,
און קיין וועקסל קענסטו אויף קיין אייד נישט שרייבן,
עס שטייט אין פּסוק —
שמור נפשך — דו זאָלסט קיין קבצן חס'וחלילה נישט פאַרבלייבן.
ער זאָגט אַ וואָרט און ברומט,
און ציילט אַ קאַסטן נאָך אַ קאַסטן,
און רעדט פאַמעלעך,
אַביסל צוליב גאווה,
אַביסל צוליב אַסטמע.
— אַ הונדערטער — זאָגט ער — איז סימן קמצן,
דער עיקר איז גאָר אַטראַדער־אַ קלייגער גראָשן —
האַלט פיניעלע צוזאַמען מיט זיין באָרד
אַ לאַנגע תקירהדיקע דרשה:
איז וויל טאַקע, אַז עס פאַרמאַכט זיך נישט די טיר,
און ס'איז דאָס שופלאָדל מיט קליינגעלט אָנגעשאָטן,
און נישט די גרעבערע מטבע איז דער עיקר,
נאָר טאַקע דאָס גרעשעלע דער קטן.
און פיניעלע דער מאַרימאַנטער ציילט די גראָשנס
גאָר באַזונדער און באַזונדער,
וויקלט זיי אין לאַנגע רעהלעך,
אַ הונדערט נאָך אַ הונדערט,
ליגט זיי ווי ספר־תורהלעך אין ריי,
און ס'איז זיין באָרד צופרידן:
— אַלע קיין עין־הרע קומט עס פונס איי.

פריזקע פארקירעוועט אין ראָג.
עס טראָגט זיך אַנטקעגן יונגע פיס אַ פערטער שטאָק,
עס מיידן זיך די שטיגן.
די גאָלדקאָרנאָווע מיטן קלייעטם גוידערל באַטראַכט די אייער לאַנג,
גלייך אינעווייניק זאָל ראָרט עפעס ליגן,
יעדעס איי גיט זי אַ ליבט אַנטקעגן פענסטער פאַרן שיין
און ס'מורמלט דאָס קליינע גוידערל —
— ווער ווייסט, מען קאָן דאָך אינעווייניק נישט אַריין.

בײַ פריזקען פאַלן־צו די וויעס.
עס איז דער קויש נאָך שווערלעך, נאָך גיין און גיין.
עס ציטערן אַביסל שוין די קניען.
און אין קאָפּ איבערן ברעם
פילט זי אַ מידע לײַדיקייט,
און אײַנגעקשנטן פאַרקלעם.

די שטאָקן ציען זיך אַרויף,
די שטיגן הוידען זיך.
די לעצטע טיר. דאָס האַמעלע מיט די געשמינקטע ליפּן.
זי וועגט די אייער אויף די הענט.
די ווערטער ליפּן, פּערלען זיך און שיטן:
— זי אַליין —
זי איז אַ דעמאָקראַטקע
זי אַרבעט מער, ווי די דינסט.
ווען נישט דאָס הויז, די ווילע, די קינדער און דער מאַן
(און זיין קולטור־אַרבעט פאַר ברייטע מאַסן)
וואָלט זי אַוועקגעבאָרן זוכן אַ פאַרדינסט.
זי ווייסט, וואָס הייסט אַן אַרבעטער,
און שאַנעוועט דעם אַרבעטערס פּאַריין.

זי לאָזט איר דינסט־מיידל צוויי מאָל אַ וואָך אַיין קאַשטשאָל גיין.
(זי פּרוּווט די אייער מיט די ציין).
— מיין יאַשקע — זאָגט זי — מוז האָבן אייער גלייך פון דער הון.
צוליב אים, שווימט אַ שלייענדל ביי מיר אין וואַנע שטענדיק,
צוליב אים קויף איך קיין פלייש נישט.
נאָר איך שעכט אַן ענדיק.

זי, צו זיינע יאָרן, אים צו געזונט,
איז שוין געווען אַ מיטגליד אין „קליינעם בונד",
זיך גנבענען אין וואַלד און הערן ווי דער חבר נאַסקע
דערציילט פון בונט און פון סאָפיע פּעראָווסקי.
מיט סאַמעטענע פינגער גיט זי די אייער אַ ציל,
דעם טאַש אַ גלעט.
עס שאַדט נישט — שמייכלען די געשמינקטע ליפּן —
עס שאַדט נישט —
ערהיום נאָך הענגט קאַרל מאַרקס ביי איר איבערן בעט.
פרידקען בריט דורך אַ קלעם.
עפּעס ברענענדיקס און שטאַרקס.
מער פעלט דאָ נישט — טראַכט זי — ווי קאַרל מאַרקס.

די שטיגן הוידען זיך.
די שטיגן שליידערן אַראָפּ.
דער קויש איז ליידיק,

סטאָפּ.
אַהיים געקומען, זעט פרידקע אויפן טיש פּאַפּירן.
אַ פּראָטאָקאָל. ס'איז זיבן גילדן.
זי בלייבט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אַ ווײַלע.
— שוין אויסגערויכערט רייזלס שיכלעך.

ט'שוין ווידער באַרוועס לויפֿן די מוידאַילע.
זי רעדט עפּעס צו זיך אַליין,
די ווערימער ווערן שטילער, האַרבער.
— ס'איז יענע עסקים, זאָגט זי, ווי האָרט בײַ נחמן פּאַרבער (*)
די ליפּן פּריידקעס זענען קרומלעך, שמאָל,
זי זאָגט עפּעס אינטאַנצן אין אַ קול.

(*) נחמן פּאַרבער — אין בערגלסאָנס „ביים דניעפּער".

IV.

ביי פשעניצאַן אין ווארשטאַט

פּאַרוים, פּאַרוים — די יאָרן יאָגן זיך נאָך קיילעכדיקער זון,
נאָך רויש פון רעגן, נאָך געריך פון בלום.

פּאַרוים — עס טרייבט דאָס גרינגע ראָד,
דער ווינט, וואָס גלעט, דער הונגער, וואָס באַדראָט.

דער טאָג, וואָס קומט מיט קאַלטער, דראָענדיקער קעל
אויף דאַך און וואַרעמקייט, אויף בעט און שוועל.

פּאַרוים, פּאַרוים מיט יונגע פיס,
מיט אַלטע, מיט רעוומאַטישע און מידע,
אין מאַרש נאָך זון, און גאַנג נאָך ברויט, נאָך רעגן און נאָך ליבע.

פּאַרוים.
ס'איז צוויי א האַלבע יאָר כמעט,
זינט פרידקע האָט געאַרבעט ביי פשעניצאַן אין ווארשטאַט.
און דער באַלעבאָס, פשעניצא, א ציוניסט און א בעל־מוח,
א לייענער א שטענדיקער פון „השלח",
א דעמאָקראַט —
האָט ליב געהאַט א פּסוק זאָגן און א פשט.
— אז די מאַשינערקע — זאָגט ער — פאַרשטייט נישט שיר־השירים.

א נעטעלע מוז האָבן חן,
מוז שעמירירן.
ווער רעדט א קושענקע — — און ביי שיינדל קאַנאַריי אין שירץ
איז גראָד דאָס קעשענקע אויף צווי א האַלבן סאַנטימעטער קורץ.
געהערט ?
און ביי פּשעניצאַן ווערט
איין אויג אביסל שיקלדיק און קלענער,
און ביידע אויגן פּיקן זיך, ווי הענער.

נאָר מאָנטיק איז געווען א גוטער טאָג,
(ס'האָט יעדערער דערקענט)
ס'פּלעגט אַנקומען א משעק פון מיזונערן,
דעם קאַטאָוויצער פּראָקורענט.
פּשעניצא פלעגט דעמאָלט אַריינכאַפּן א קערטל, אביסל שלאָפן,
און דער עיקר א קריג טאָן זיך מיט פילאָזאָפן.
אחר־העם איז מיט זיין רוחניות אינגאַנצן נישט גערעכט.
געהערט ?
יידן זענען טאַקע אן עם־הבחירה,
פונדעסטוועגן איז קודם־כל דאָס שטיקל לאַנד, די דירה.
דער חומר איז אויך אן עיקר — מוז מען זאָגן,
און אויב אין קעלער רוהשט זיך,
וועט ליכטיק זיין ממילא אין די הויכע שטאָקן.

דער קעלער הודעט.
מען הערט ווי נאָדלען ציקן, צאַקן, פּוצן,
און די מאַשינען שטעפּן, שיפּן, יאָגן אין געלאָף
און שיינדל קאַנאַריי צעזינגט זיך פּלוצים :
„געווען צו זיין א שקלאַף״

די לערן־מיידלעך שלייפן לעכלעך, בייסן שנעל די פֿאָדים,
די בלאָנדע ברומט אַ לידל „פֿון חוה און פֿון אָדם״.
אַ פּרעס־אײַזן האָט זיך צעשיפּעט ווי אַ שלאַנג,
געטאָן אַ הייסן כליפּ און זיך צעפּאַכעט מיט אַ פּאַרע,
און זיבן פּרעסלעך יאָגן נאָך און זינגען אונטער:
מאַך־אַזוי־אַזוי־אַ־ווארע.
מאַך־אַזוי־אַזוי־אַ־ווארע.

פּרייִדקע, די ווילנערקע, ציק־צאַקעט מיט דער שער,
די אַלטע פּעסל הוסט אַביסל אונטער — קכע און קכע,
שוין אַ יאָר צוואַנציק, ווי זי טרייבט אַלץ די מאַשין.
ביי העמדלערן געווען, ביי פּעכמן און איצטער ביי פּשעניצאַן,
(עס מעג אין זיי — זאָגט זי — אין אַלעמען אַריין אַ בראָך).
איצט האָט זי נישט אַפילו מיט וואָס באַצאָלן פֿאַרן לאָך,
פֿאַרן איבערשטיבל מיט די צעווייגטע שטיגן,
און ס'זשומעט די מאַשין, ווי בייזע האַרבסטיקע־הונגעריקע פֿליגן.
עס מאַטערט זי, ווי שרהלע די בלאָנדע יאָגט אַזוי מיטן פֿעדעל,
אין פּעסל גיט איר מיט אַלע פֿינגער איבער דער נאָז אַ שאַר,
שנעלער, שרהלע, דו'סט קריגן אַ מעדאַל:
„פּשעניצאַס גרעסטער נאַר״.

דער קעלער הודעט.
מען הערט ווי נאָדלען ציקן, צאַקן, פּוצן,
און די מאַשינעס שטעפּן, שיפּן, יאָגן אין געפּעכט.
און ער, פּשעניצאַ, צעקרעכצט זיך פּלוצים:
— אוי שלעכט, אוי שלעכט, אוי שלעכט...
פּרייִדקע די דעלעגאַטקע וועט דאָס געשעפֿט אים רויִנירן,

ס'האָט אָפּגעשייקט אַ האַלבן טראַנספּאָרט שירצן
דער פּוילישער פּראָקורענט פּאַפּערנע,
די קעשענעס — שרייבט ער — זענען גרויסע, ווי באַר זעלנער,
ן, און שיינדל אויך האָט קרום געשטעלט די קעלנער.
פּשעניצאַ זיפּצט. די ליפּן אָנגעבלאָזן ווי צוויי אונגאַרישע פּלוימען,
— אַזעלכע ביטערע פּאַרדינסטן, אַזעלכע הויכע לוינען — — —
ער זייט אַזוי די ווערטער און ער זיפּט,
גלייך אויף דער גאַס אַן אַסיענדיקער רעגן טריפּט.
— אַז דעלעגאַטקעס דאַרף מען גאָר, וואָס טויגן די פּאַראַדעס ?
און שטאַרק אין כעס נעמט ער זיך לייענען
קלויזנערס „אנשיות ויהדות"

נאָר פּרייטיק פאַרן אויסצאָלן איז דאָס געווען אַ וואָלקן,
נישט קיין באַלעבאָס.
דער קאָפּ אַראָפּגעזונקען,
די ברילן אויף דער נאָז.
אַ „תשליך", אַ פּסוק, אַ פּשט,
פאַרוויקלט אין גרויען אָפּגעריבענעם כאַלאַט.
פּרייטיק צום אויסצאָלן הויבט אָן די קאַסע קרעכצן
און דער שופלאַד שפּילן.
און ס'הויבן אָן צו סקריפּען און ווי פּאַרקילטע הוסטן אַלע שטולן.
פּשעניצאַ זיצט. דער שופלאַד איז האַלב אָפן,
און ס'האַכט, דער שופלאַד ט'באַלד צערעדן זיך :
נישטאָ אויף וואָס צו האָפן, נישטאָ אויף וואָס צו האָפן.
פּשעניצאַ זעגנט זיך מיט יעדן פינגער, און מיט יעדן צווייער.
פּאַמעלעך נעמט ער מיט די פינגער יעדע איינציקע מטבע,
פּאַמעלעך גיט ער זי אַ שאַר פון זיך אַוועק,
און ציט צוריק אַ ווײַלע צום באַטראַכטן,

רוקט אַפּ די צענער־גילדן, די יחסנים, צו דער וואַנט,
און גיט אוועק הערנאָך פון האַנט צו האַנט.
אוועקגעגעבן — זאָגן זיינע פינגער, איז פאַרפאַלן,
אוועקגעגעבן אַ צענערל, וועט עס צוריק נישט קומען,
און ס׳סקריפּעט און ס׳הוסט זיין בענקל : צוגענומען, צוגענומען.
און שיינדל קאַנאַריי האָט פּריטיק ליב אַ שפּאַס טאָן מיטן באַלעבאָס.
זי גיט אַ פינטל מיט די אויגן, אַ שאַר די נאָז —
— שוין צייט צו ציילן שנעלער, פאַן פשעניצאַ,
די גילדנס זענען סיי ווי סיי, ווי קיילעכדיקע רעדער — — — —
— געלט האָט ליב אַ חשבון — ברומט פשעניצאַ,
און טונקט פאַמעלעך איין די פעדער.

אַ זומערדיקער טאָג. די היץ, אין סאַמע פלאַטער.
די נייטערקעס זענען גשוועסן אויסגעבליכט, פאַרמאַטערט.
ביי פעסלען האָט זיך גראָד צעשפּילט דער לונגען־פעלער.
קומט איינמאָל די פשעניציכע אַראָפּ אין קעלער.
דאָס בלויע קלייד מיט זילבערנעם גאַלון,
האָפּ שטראַלן מיטגעבראַכט פון דרויסנדיקער זון.
אַריינגעקומען, סאָפּעט זי זיך אָפּ, און ס׳טופּען אירע קנאַפּל,
איינס און צוויי, און איינס און צוויי.
זי קוקט זיך אום, גייט־צו צו שיינדל קאַנאַריי :
— קאַכאַנ׳ע, זאָגט זי, כ׳בעט איינען, מיין דינסטמיידל צו אַלדע שלעק,
איז ערגעץ־ווו אוועק,
און איך מוז אָפּנעמען אַ וואָלאָסקע פאַלמע
נישט ווייט פון האַנען, אויף קראַכמאַלנע.
איך בעט איינען — — —

ביי שיינדלען די מאַשין האָט זיך געטאָן אַ וואָרג,

זי האָט צו דער פּשעניציכע אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ
צוזאַמען מיטן גאַנצן קאָרפּ :
וואָס איז, איר ווייסט נישט ווי מ'טראָגט אַ וולאָסקע פּאַלמע
אויף די הענט ?

אַזוי־אָ־אַ, מען נעמט —
און שיינדל האָט אַ בלאַנק געטאָן מיט ווייסע ציין,
מען נעמט זי אַט אַזוי־אָ און מען טראָגט אַהיים.
ביי דער פּשעניציכע זענען די גוירעס אויפן האַלדז
געוואָרן אָנגעדראָלן.
— מיין מאַן — — — האָט זי געשטיקט זיך, סטויטש...
דערנאָך האָבן אַ יאָג געטאָן אין אַ געוויטער די פּערלאַלן,
דער לינקער פוס שלאָגט אויס דעם טאַקט,
דער רעכטער כאַפּט אים אונטער אויף פּאַרפּאַלן.
די נאָדלען ציקן, יאָגן נאָך אַ ווייסן קאַנט.
זיי ווילן אויספּרעסן די ראָגן,
און אַקסלען בויגן זיך אויף רעכטס, אויף לינקס,
זיי לויפן, לויפן, ווילן צעמיטן דעריאָגן.

פּשעניצאַ האָט לאַנג געטראַכט,
אַז פּעסל, וואָס האָט דעם לונגען־פּעטער,
איז דאָ ביי אים אַן איבעריקער מענטש אין קעלער.
די פּערלאַלן האָבן ליב אַ יונגן פוס,
ביי יונגע פיס זינגען די רעדלעך גאָר אַן אַנדער ניגון,
און זי האָט כסדר אַטהעם הוסט.

און איינמאָל גראָד אַ מאָנטיק,
ס'האָט פאַרשפּעטיקט די אָנווייזונג פון קאָטאָוויצער פּראָקורענט.

פשעניצא האט זיך ארומגעדרייט, געזאָמט און געברענט.
פארנאכט האט ער א זאָג געטאָן,
(גערעדט אביסל שנעלער)
— הערט נאָר, פאני רעלעגאטקע,
צופיל מאשיגערקעס ביי מיר אין קעלער — — —
און איך אין חובות בין פארקראָכן,
וועל פעסלען אָפשיקן,
זי האָט נאָך די צוויי וואָכן.

און איבער די פעהאָלן זענען די ווערטער דורכגעפלויגן.
די פיס געטאָן א ברען.
און ס׳האָבן די רערלעך אָפגעזשומעט :
— מען וועט נאָך זען, מען וועט נאָך זען — — —

V.

שטרייק

ווי פערד נאָך הייסע שלאַכטן, שווייגנדיקע אין אַ ריי
שטייען די מאַשינעס,
פאַרקלעמט דעם לעצטן לויף פון נאָדלען דינע.
עס וואַרטן אויף אַנדער פון אַ פוס פעדאַלן.
די נייטערקעס מיט פיבערדיקע אויגן
די אַקסלען אין די שאַלן.
עס איז די שיר — רערוואַרטונג.
דאָס פענסטער — לויער.
דער טאָג אַן אומהיימלעכער,
פאַרדראָסיקער
און גרויער.
שיינדל קאַנאַריי האָט הויך גערעדט :
(ס'איז שאַרף געוואָרן די בלאַסקייט פון איר פנים.
די שוואַרצקייט פון בערעט).
— מען דאַרף דאָ לאָזן אויף ביינאַכט אַ וואַך,
אַט דער פשעניצאַ מיט די קאָסע אויגן
קען צוטראַכטן אַ זאַך.

פשעניצאַ איז אין קעלער נישט אַריינגעקומען.
געדרייט זיך אויפן הויף,

(ס'האָט זיין מאַלאַטל געמאַכעט ווי אַ פּאַן),
גלייך ער זאָל זיך אויף אויסגווייניק חשבונען,
און גלייך ער האָט דאָ עפּעס וואָס צו טאָן.

ס'האָט שיינדל קאַנאַריי צומאָרגן אינדערפרי
געטראָפן : דער קעלער צוגעשלאָסן.
אַ ווייסער צעטל האָט געטאָן אַ בריי :
„דאָ וויגאַיעגמשאַ״.
ס'האָט פשעניצאַ זיין פאַבריק אוועקגעפירט קיין לאָדזש,
(און די פשעניציכע אוועקגעפאָרן איז דערחווילע קיין נאַלענטשאָוו.)
אַ וואָגן איז געקומען נאָך פינסטערלעך, באַגינען,
און צוגענומען די קעפּ פון די מאַשינען.
דורך די שויבן,
וווּ ס'האָבן פליגן געזשומעט און געדרימלט,
האָט שיינדל קאַנאַריי געזען :
די פיס פון די מאַשינעס, שטויב און שימל.

ס'האָט שיינדל קאַנאַריי געקוקט אַ ווײַלע.
איבער די ליפּן איז אויפגעגאַנגען אַ האַלבער שמייכל,
אַ האַלבער גרימאַס.
— זע נאָר פשעניצעלע ט'ארויסגעגנבעט אונזערע מאַשינעס.
זי האָט אַ שאַר געטאָן דעם בערעט העכער אויפן קאָפּ,
און האָט גענומען אַ שמאָלן שלאָסערישן לאָם,
(און כאָטש מען טוט אַזוי נישט אין קיין ליטווישע פאַמעמעס —
האָט שיינדל קאַנאַריי אַזוי געטאָן)
האָס שלעסל אַ זעץ געטאָן פון אויבן אויף אַראָפּ.
עס האָבן זיך די נייטערקעס צו איר געטאָן אַ שאָט,
דערזען — שיינדל קאַנאַריי

האָט מיטן פֿוס די טיר געטאָן אַ דריי.
און איז אַרײַן אין קעלער מיט טריט געשלאָסענע און פּראָסטע,
גלײַך זי זאָל דאָרט זײַן די באַלעבאָסטע.

זי האָט זיך צוגעזעצט צו איר מאַשין.
עס האָבן אירע פֿינגער שנעל און דין
געמײַסטרעוועט בײַ די פּעדאַלן.
זי האָט זיי אויסגעשרויפֿט, אַ ווײַלינקע באַטראַכט.
גלײַך זי וואָלט עפּעס גערעדט צו זיי,
מיט זיי אַ חשבון אויסגעגלײַכט,
אַ רעכענונג געמאַכט.
דערנאָך האָט זי פּאַמעלעך, אָן געאײַל,
בײַ פֿעסלען אין מאַשין אויסגעשלאָסן דעם פּעדאַל.
דערנאָך בײַ שורהלע דער בלאָנדער — — —
פֿרײַדיקע האָט איר מאַשין אַליין פֿאַרפֿאַרטיקט
אויפֿגערעגטער,
שנעלער —
און ביידע זענען זיי אַרויס פֿון קעלער.

ס'האָט שײַנדל קאַנאַריי די צוועלף פּעדאַלן
געטראָגן לײַכט מיט גלײַכע, יונגע טריט.
דאָס פּנים ווײַס.
די אויגן האָבן בלוי געגליט.
זי איז אַרויס פֿון הויף.
עס האָבן די מאַשינערקעס נאָך איר אַ שאַר געטאָן זיך.
מיט פֿיבערדיקע בליקן דורכגענומען.

פּשעניצאַ איז דערנאָך אַרומגעלאָפֿן מיט שיכּורדיקע אויגן,
איבערן הויף.

זיין גרוי כאַלאַטל האָט געפּאָכעט,
ווי אַ פֿליגל,
ווי אַ שלייף.
— ער וועט זי שמידן,
אַזוינס געשעעט נישט אין פֿאַבריקן.
ער וועט זי — — — ער וועט פֿאַרשיקן — — — —

אין אַ טאָג דריי אַרום איז שיינדל קאַנאַריי
מיט זיבן גילדן,
און שוואַרצן פּרויט אַ פּענעץ —
צופֿוס אַדורך די קאַטאָוויצער גרענעץ.

VI.

שיינדל קאַנאַריי

שיינדל קאַנאַריי.
אין וואַרשע ביים ווייסל,
אין פּאַריז ביי דער סען,
אין בערלין ביי דער שפּרע.
אין גרויען קליידל
מיט שוואַרצן בערעט —
די בירגערין פון אַרבעטסלאָזע שטעט.
די בירגערין אָן דאָקומענטן,
שטענדיק אין א זייטיקן האָטעל.
שוין א טאָג געאַרבעט,
שוין א נאַכט געכעכטיקט,
שוין געשטאַנען ביי א נייער שוועל.
ווען איר האָט געוואָיעט ביינאַכט אַ לאָקאָמאָטיוו.
געוואָיעט וועלפיש,
שאַרף און דין.
וווהין און וווהין
און עס האָבן די רעדער געאיילט זיך, געציילט :
וואַרשע,
פּאַריז
און ווין.

א קליינע וואַליזקע,
א קליידל,
א העמד,
א פּאַס,
א שטאָט נאָך א שטאָט,
א וואָקזאַל
און א רוישיקע גאַס.
א גרענעץ.
רעוויזיע.
א גלאַנץ פֿון די שפּיזן.
מען זוכט :
פּאַפּיראָסן :
טאַבאַק,
קאָמוניזם.

א פֿאָרשטאָט.
נאָך אַרבעט א הייסער געיעג.
א גרויער קאַשקעט.
א צווייטער, א דריטער.
א רעקל אויף שפּיציקע אַקסלען.
א קול גיט א ציטער.
דער טאָג שטייט אין זון און געשריי.
כ'דערקען דאָס גרויע קליידל,
דעם שוואַרצן בערעט.
ס'איז שיינדל קאַנאַריי.

VII.

די שיף פאַראַנקערט זיך

ביי פעסלען האָט זיך דערווייל צעשפּילט דער לונגען־פעלער.
זי איז אין אויבער־שטיבל געלעגן אויף דעם הויכן בעט.
די שויבן האָבן געגלאַנצט מיט גרין,
מיט וויאָלעט.
עס האָט אין זיי אַ געלער דאַך זיך אָפּגעשפּיגלט,
און אַ זומערדיקער רויטערדיקער הימל.
אַ בענקל איז געשטאַנען לעבן בעט —
אַ בענקל,
גלייך פאַר פעסלען אַזאַ־אַ, אַ באַשטעלטער,
פון איין זייט אַ רויטלעך־צוגעפאַרבטער,
פון דער צווייטער זייט אַן אָפּגעקראַכענער, פאַרגעלטער.
אַ שטיקל אויסגעסמאָקטע ציטרין,
אַ גלעזל טיי,
אַ לעפעלע,
אַ שאָלעכץ פון אַן איי.
און פעסל האָט הויך געעטעמט,
געזעגנט די לופט,
גלייך זי וואָלט זיך מיט עמעצן געוואָטן.
די כוחות אויסגעפרווט.
דער ברויגער קאָץ האָט זיך געהויבן

און געפאלן,
גליך זי וואלט איצט נאך אויך מיט פיס באוועגן
פשעניצאס, העטרלערס און פעכטס פעדאלן.
פרייזדקע און סימעלע דאס לערן־מיידל
האבן דאס בעט צום פענסטער צוגערוקט.
ס׳האט פעסל שוין, לאנג, דעם הימל נישט באקוקט.
אויף גרויע וואלקנס א שיף איז צוגעשוווממען,
זיך פאראנקערט,
און מיטגעצויגן א בליק א דארשטיקן, א קראנקן.
אן אלטער ייד.
א מאנטל סאמע לאטעס.
אין גרויסע שטיוול צוגעשוווממען —
און אוועקגעטשאפעט.
אין אויבערשטיבל איז שאטנדיק,
ס׳איז גרוי.
די שויבן לויכטן פארנאכטיק, געלבלעך־גרין.
פעסל נאגט מיט ווייסע ליפן א פענעצל פון א ציטרין.
דער הימל שווימט מיט שיפן, מיט מענטשן אין מיט רויך.
געזען דורך היץ, דורך גרויסע טעלעסקאפן.
פרייזדקע און סימעלע דאס לערן־מיידל
שטייען שווייגנדיק בײם בעט צוקאפן.

VIII.

זייגערס קלינגען

זייגערס קלינגען.
זון, לבנה,
טאָג און נאַכט,
און דרייענדיקער ווינטער.
שנעל און שנעלער זענען דורכגעלאָפן,
גיך און גיכער,
צוויי א האַלבע יאָר —
א דרייענדיקער ווינטער.

פריידיקע רוט זיך אָפּ לעם רייזלס שעניק.
נעבן זינטענדיקן קינדערישן אָטעם.
אַנטקעגן אויף דער וואַנט גלייכט אויס זיך
איר דינער, ציטעריקער שאָטן.
דער קאָפּ, דער יינגלשער,
איז מיד אַראָפּגעלאָזן.

זייגערס קלינגען.
זומער,
ווינטער,
שניי און גראָזן.
שנעל און שנעלער זענען דורכגעלאָפן,

גיך און גיכער,
צוויי א האלבן יאָר א דרייענדיקער וויכער.

טעג מיט נאַגנדיקע ווינטן.
מיט פייכטער לייִדיקייט אין ווינקלען,
ווען דער וועקזייגער אפילו שטעלט זיך אָפּ,
און וויל שוין מערנישט קלינגען.
די שלייפן אָבער, ווי א זייגער, שלאָגן, טרייבן אונטער:
פרייִדיקע שנעלער,
שנעלער — — —
ס'קען מיט ווייסע טריט אריין אין שטוב דער ווינטער,
און וועט איננאַנצן קאַלט פאַרגליווערן די סטעליע.

די טיר איז אויפגעפּראַלט,
דער קויש איז אויפן אָרעם,
אַלץ איינס:
קאַרטאָפל, אָדער קאָרן,
אָדער אייער.
פון הינטן, ווי א בוקסן־נאַרע פּרידט איר בוזע,
און וואַרט אויף שיין און פייער.
יאָ, פריידיקע לויפט.
עס הויבט זיך און עס נידערט,
עס וויקלט זיך איר לייבטער גוף.
די גאַס אנטקעגן קלינגט מיט א טראַמוויי,
דראַפּעט זיך ארויף,
הודערט מיט רעדער,
שוימט מיט טריט,

בלענדט מיט פארביקייט מיט רויטער, גרינער, געלער,
און יאָגט:
פריידקע שנעלער —
שנעלער — — —

אין עס פון גאַס, אראָפּ, אראָפּ איז אפשר דאָ
אַן אָפּרו, אַ שאָטן,
וואָס וועט קוויפּן,
וואָס וועט צאָלן,
וואָס וועט ראטעווען.
פון הינטן פירט די קאַלטע בורע,
און ביי דער טיר לויערט דער ווייסער פראָסט
און טשאטעוועט.
אַ טראמוויי קלינגט.
פריידקעס בליק שאַרט דורך די גאַס — אַ סיילעסדיקער רינג —
— אָט דער, ביים מאַטאָר, מיטן שאַליק אויפן האַלדז, —
ער האָט אפשר, נאָך זיינע זיבן שעה,
פייער אין אויוון
און ברויט מיט שמאַלץ — — —
און פריידקע הויבט אָן האסטיקער צו גיין,
פאַרויס דער קויש,
און פריער נאָך די שאַרפע ציין.

זי שטופּט זיך דורך צווישן אַ רייטער און אַ טרעגערישן וועגל.
און פריידקעס קאָפּ גיט זיך אַ בויג.
פאַרויס דער קויש,
און פריער נאָך פארקראַמפטע, פרעגעדיקע נעגל.
— דער טרעגער אפשר אויך

האָט אין דער פּאַווכע זיין לאַבן,
און זיין ווינקל בײַ אַן אויוון ——— ———
און בריידקעס דינע קניען בויגן זיך
און לויפן,
פאַרויס, פאַרויס,
צום עק פון גאַס,
האַרט וואַרט אפשר די רעטונג די געגאַרטע ——— ——— ———

זייגערס קלינגען.
זון, לבנה,
טאָג און נאַכט,
און דרייענדיקער וויכער.
שנעל און שנעלער זעטען דורכגעלאָפן,
גיך און גיכער,
צוויי א האַלבע יאָר —
א דרייענדיקער וויכער.

בריידקע גיט פלוצלינג די הענט א הויב ארויף,
ווי וועסלעס ווייסע, וואָס גייען, ווי א צווילינג.
א שאָר אוועק די זאָרג —
ווי וועסלעס ווייסע, וואָס שווימען צו א פרילינג.

ס'איז שפעט.
דאָס קרומע פענסטער האָט זיך אויסגעלאָשן.
און בעט
שרייט רייזעלע צו עמעצן און שלאָף:
,,אוועק, אוועק, איך וועל דיך'' ——— ——— ———
און זי הויבט אָן מיט ביידע הענט צו ראַשן.

פרײדקע שמײכלט —
—אַװי־אַ, קלײנע, װײל,
נישט לאָז זיך שפּיען אין דער קאַשע.

ס'איז שפּעט.
פרײדקע רוט זיך אָפּ לעם רײזלס שעניק,
געבן זײגענדיקן קינדערישן אָטעם.
אַנטקעגן אויף דער װאַנט גלײכט אויס זיך
איר דינער ציטעריקער שאָטן.
דאָס קרומע פענסטער האָט זיך אויסגעלאָשן.
בײנאַכטיק טאַנצט אויף אים אַ שאָטנדיקער פּלעק,
און אינדערהױך — איבערן בעקערס גלאַנצנדיקן דאַך
ט'דער הימל אױסגעשפּרײט אַ װײסן רופנדיקן װעג.

פרײדקען גיט עפּעס אַ נאָג, אַ קורצער מידער װײ,
שױן לאַנג פון שמואלן קײן בריװ נישטאָ,
שױן אַ װאָך צװײ.
זי גיט די האָר אַ יונגלערישן שאַר אַװעק,
און קוקט אין שטילקײט פון דער נאַכט אין װײסן רופנדיקן װעג.

IX.

האָטעלן אין פּאַריז

די האָטעלן מיט גראָבע רעיעסטראַציע־ביכער,
מיט שמאָלע שטיגן, אָפּענע צום גאַס.
דאָרט נעכטיקט, הונגערט, שמוגלען זיך אָן דאָקומענטן
די שטריקער און די שנייַדערקעס פון וואַרשע, לאָדזש,
פון טשערנאָוויץ און יאַס.

די ווירטין מיט די ווייסע פינגער,
און מיטן בלייכן שמייכל,
און מיטן גלייכן שרונט.
עס ווייסן אירע טונקעלע אויגן,
ווו יעדער גייט,
און וואָס ער טוט,
און ווען ער קומט.
און וועלכע צייטונגען ער לייענט.
פון וועלכן לאַנד,
און אַלע בריוו,
און אַלע ראַנדעוווּען
זענען דורכגעגאַנגען דורך שמאָלע פינגער פון איר האַנט.

די האָטעלן מיט די גראָבע רעגיסטראַציע־ביכער.
ביי יעדן נאָמען איז פֿאַרצייכנט מיט קליינע אותיות אַ רעמאַרק :
דער איז אַ שניידער,
דער איז אַ טעכניקער,
און דער — פֿאַרדעכטיק שמאַרק.

דער גלייכער שרײנט איז שטענדיק אָנגעבויגן,
די שמאָלע שטיגן האָבן געטאָן אַ ציטער — ,,סע—סאַ".
ס'איז דורכגעגאַנגען כאַשיקאָן דער נעגער,
וואָס אַרבעט אין גאַראַזש
און לייענט די ,,הימאַ".

דער גלייכער שרײנט איז שטענדיק אָנגעבויגן,
די ווייסע פֿינגער ציילן פֿראַנקן אייפֿערדיק און קאַרג.
ס'איז דורכגעגאַנגען שמואל האָראָוויץ.
(דאָס צווייטע מאָל פֿון לאַנד אַרויסגעשיקט) :
אַזוי איז די רעמאַרק.

דער גלייכער שרײנט איז שטענדיק אָנגעבויגן,
עס וואַרעמט זיך אַ ווייסע קעצל אויף די קני,
דער שמואל האָראָוויץ גייט יעדן טאָג
אין נומער זעכצן אויפֿן פּלאַץ קלישי.

פֿאַרצייכנט אין רעמאַרק.
פֿאַרצייכנט שנעל מיט ווייסע שמאָלע פֿינגער,
וואָס ציילן אייפֿעריק די פֿראַנקן,
וואָס הערן תּאוותדיק פֿון געלט דאָס שטילע קלינגען.

דער גלייכער שרונט איז שטענדיק אָנגעבויגן.

X.

אַ בריוו

פֿרידקע האָט געהאַט אַ בריוו פֿון שמואלן. ער שרייבט:
בריחקע, דו ווייסט נישט, ווי ס׳איז בלוי דער הימל אין פּאַריז.
און ווי ס׳איז שוואַרץ די קאַווע,
און ווי דאָס אַרבעטסלאָזע געטאָ — דער בעלוויל —
נעמט אויף אין חער באַגינענדיקער בלויקייט אַן אַבלאַווע.
און ווער ס׳איז פֿאַרבליבן — בלאָנקעט ווידער לאַנגע שעהן
אויף די ברעגעס פֿון דער סען —
מען קוקט ווי אַנטיקוואַרן אונטער קרומע שירעמס זיצן,
פֿאַרקויפֿן אַלטע אויפֿלאַגעס פֿון זאָלאַ און ווערלען,
און בילדער פֿון סעזאַן,
מטבעות פֿון לודאָוויק דעם צענטן,
אַ בילד פֿון קייזערלעכן שפּאַן,
און עפּעס אַ מעדאַל שוין אַ פֿאַרזשאַווערטן און פֿאַרברענטן.
עס קלינגט אין אויערן אַ פֿרעמדע שפּראַך,
און ס׳קלינגט דער הונגער, ס׳מאַטערט די זון אין זומערדיקן גלי,
עס בלענדן ווייסע בריקן, וואָס לויפֿן שלאַנק אַראָפּ צו די העריוואָלי,
ווי אָפֿן אויף די טראָטואַרן,
ליגן גאָלדענע פֿראַנצאַנסער באַרן,
באַנאַנען הויכע ספּייגן,

נו, און ס׳בלאַנקען אויגן, אויגן.
זיי ניט, פרידקע, בייז, וואָס איך האָב לאַנג אַ בריוו דיר ניט געשריבן,
און כ׳האָב אויף דיר אַרויפגעוואָרפן רייזעלען און אַלע עולן.
איך קאָן דאָך דיר מיט קיין שום ווערטער נישט באַצאָלן,
פאַר דיין מי. איך הער דיינע פאַרוואָרפן די שטאַרקע,
נאָר ס׳איז מיר אַפּטער שווער אַפילו אויף אַ מאַרקע.

לעבט מען ווי ס׳איז.
ס׳האָט זייער גליך געטאָן יאַשיענסקי,
וואָס ער ט׳פאַרברענט פאַריז.
אגב, כ׳האָב דאָ געטראָפן אויך ביי דער סען
שיינדל קאַנאַריי.
זי איז אַרויסגעשיקט פון לאַנד.
זי האָט אַ צענדליק דירות
און האָט קיין גראָשן נישט אין האַנט.
זי ווייצלט זיך:
— פאַריז פאַרטרייבט אַ קאַנאַריי,
זי׳ט מוזן מאַכן זיך אַ פאַלשן פּאַס
און זינגען ווי אַ סאָלאָוויי.
אגב, זי האָט אַ נייעם פּלאַן,
ס׳קאָן זיין, זי׳ט אָפּפאָרן קיין בירעבידזשאַן.

בליבט אַ ווילע פרידקע מיטן בריוו אין האַנט.
אין קרומען פענסטער גרייט זיך אַ זומער־נאַכט,
דער סקאָרפּיאָן האָט אָנגעצונדן די גליענדיקע לאַפּע.
עס פאַלן ערגעץ הילכיק רעדער אויף אַ בריק.
און פרידקע מישט אויף אויסטערליש אַן אייזערנע, אַ שווערע מאַפּע.

פון לענדער,
גרענעצן,
א מאָל אן אמתער, א מאָל א פאַלשער —
א וויזע.
און אויסער דעם — א תפיסה אויף א תפיסה.
און גרויע הייסע אויגן גיסן זיך אריין אין גרויען דרויסן.
זיי ווילן עפעס זיך דערמאָנען. מענטשן, א וועג א דרויסן.

די שטילקייט האָט זיך אויפגעריסן,
און דאָ, אויף מילע־גאַס, אין קליינער און דינרשטיקטער דירה
האָט אָנגעהויבן שווענקען זיך,
לאַכן, כליפּען, פליסן
א ווייטער מייך — די בירע.

XI.

קינדער

אַהאַ די שטאָקן מיט די גאַסן.
זיי פירן אום, ציען אַרויף און שליידערן אַראָפּ.
דער טאָג טראָגט זיך אַדורך
דורך זון און רעגן,
דורך לויפנדיקן, האַסטיקן גלאָפּ.
די שאַרפע עלנבויגן זענען אָפּגעשטומפּט פון מידקייט,
די יונגע פיס ווילן פּלוצלינג זיך אַראָפּזעצן און קניען.
פרייִדקע קומט אַהיים.
דער גוף איז מיד. די נאַכט איז זומערדיק און קלאָר.
אין קרומען ראַם פון פענסטער
די שטערן ציטעריקע גליען,
ווי אירע אַכט און צוואַנציק אָפּגעיאָגטע יאָר.

עס שלאָפט די קליינע רייזעלע פאַרדרוקט אין ווינקל פונם בעט,
זי לאַכט פון שלאָף און רעדט עפּעס און רעדט.
צו זיבן יאָר איז רייזעלע און הויף חער באַלעבאָס.
זי ווייסט, וו ס׳זווינט חער סטאָליאַר,
ווער ס׳האַנדלט דאָ מיט גלאָז,
און ווער ס׳דאַרף קריגן אַן עקסמיסיע.

ווער ס'איז קראַנק,
און ווער געזונט,
און וועמעס איז דער עמער,
וואָס וואַלגערט זיך ביים פּלומפּ.
און וויפיל קי דער קראַוויאַיש האָט אין שטאַל.
בקיצור, אין הויף איז רייזעלע דער גענעראַל.
און אַלע קינדער שטייען אונטער איר געבאָט,
זי איז גוט צו זיי,
און זי איז שלעכט,
זי גיט זיי אומגערעכט,
און גיט גערעכט.

אין שולע גייט עס מיט איר שווער.
מען שיקט נאָך פרײדקען, זאָל די מאַמע זאָגן :
אַנשטאָט אַ רעכענונג — האָט רייזל אויסגעמאָלט
אַ פורמאַן מיט אַ וואָגן.

איינמאָל איז רייזל פון שול אַוועק מיט בערעלע קאָנדוקטאָר.
און בערעלע קאָנדוקטאָר האָט אין שולע נישט זיין גלייכן,
אַלע לענדער ווייסט ער, אַלע שטעט און אַלע טייכן).
האָט פרײדקע אויסגעזוכט די גאַנצע גאַס, ביי אַלע שכנים,
געזוכט אין יעדן טויבנשלאַק,
און ווו אַ באַלעגאַלע, און ווו אַ וועגעלע אַ קלאַק,
אין יעדן פאַס —
ערשט שפּעט אין אָוונט זענען זיי געקומען,
אויסגעווייקט און נאַס.
מען איז געגאַנגען איבער דער בריק,

אַראָפּ צום באַן,
געוואָלט אַוועקפאָרן קיין בּירעבּידזשאַן.
בּערל קאָנדוקטאָר ט'געהאַט אַ גראָשן, אַ פּאָמידאָר, אַ קעמל,
און רייזעלע אַ צענער, אַן עפּל און אַ זעמל.
אָבּער די קאַסע איז שוין געווען פאַרמאַכט.
צוריקוועגס איז מען אַריין אין פּאַרק,
געכאַפּט אַ פראָש. „אַט בּין עך".
און ס'האָט דער פראָש אַ שפּרונג געטאָן אַ פלינקער און אַ גרינגער.
און די רייזנדער אַליין זענען געשטאַנען פריילעכע און נאַסע,
און ריזל האָט בּאַדויערט :
— אַ שאָד, וואָס ס'איז געווען פאַרמאַכט די קאַסע.
נאָר בּערל דער קאָנדוקטאָר האָט צוגעגעבּן קורץ און שאַרף :
— מ'עט פאָרן נאָכאַמאָל שוין מיטן וועג, וואָס מען בּאַדאַרף.
ער ווייסט דעם וועג, עס איז נישט ווייט פון דאַן.
זיין פעטער מאָטעס איז שוין לאַנג אין בּירעבּידזשאַן.
נאָך ווינטערצייט איז ער אַהין אַוועק.
קען בּערל קאָנדוקטאָר דערציילן גאַנצע טעג,
ווי דער פעטער מאָטעס שרייבּט אין בּריוו —
ער שרייבּט : איך וווין אין קאָלעקטיוו.

און בּערל דער קאָנדוקטאָר קען דערציילן וועגן וועלדער דאָרטיקע,
און וועגן אַ בּירעבּידזשאַנער בּער,
אָבּער נישט אַ בּער, וואָס יאָגט אים נאָך אַ יעגער,
נאָר אַ בּער אַ וואַסערטרעגער.
מיט אַ פעלץ און מיט צוויי קרומע לאַפּעס.
קען ער יעדע אַרבּעט טאָן,
פּונקט ווי דער פעטער מאָטעס.

קען ער טראָגן אַ קאַראַמיסלע מיט צוויי עמער וואַסער
אויף די פּלייצעס.

קען ער טראָגן אַ ברעמיע האָלץ אויף אויוונס הייצו.

איז אָט דער בער מיט קרומע לאַפּעס,

ער,

און אַ יינגל אַ חבר זיינער כאַנע,

פלעגן צוזאַמען קערן, וואַשן, ראַמען,

ציגל טראָגן,

קלעצער זעגן,

סלופּעס שלאָגן,

ביז זיי האָבן אויסגעבויט אַ הויז,

אַ ברונעם,

אַ קאַרשנבוים,

מיט קאַרשנדיקע בלומען.

דערנאָך זענען אַוועק דער בער און כאַנע,

און צו זיך פאַרבעטן די לבנה.

האָט די לבנה זיך אַ גאַנצן טאָג געפּוצט:

די וואָלקנס אויף פּיאַנקעלעך צעשלאָגן.

זיך אויסגעצוואָגן,

אויסגעקעמט זיך מיט אַ שרונט

און מיטגענומען אַ מתנה —

אַ קאַץ מיט אַ הונט.

האָבן דער בער און כאַנע

פאַרן הונט אַ בודע אויסגעבויט

און פאַר דער קאַץ אַ פּלויט,

מיט לאַרעשקעס, מיט טעפּ און קריגן,

מיט זומערפויגעלעך און פליגן.

כּאָנע אַרבּעט מיט די הענט

דער בּער מיט קרומע לאַפּעס

זיך אַ גאַנצן טאָג געדרייט

איז מען שוין פאַרמאַטערט.

האָט דער בּער מיט זיין חבר כּאָנע

אויסגעבּויט אַ הינערשטייג פאַר הינער, פאַרן האָן,

און פאַר אַן אינדיק — אַ וועלאָדראָם,

אַז ער זאָל קאָנען פּאַכן מיט די פליגל,

און אַ הויף מיט שטאַנגען און מיט שטיגן.

דערנאָך פאַר שעפּסן, ציגן, סטאַדעס קי,

שפּייען זיי און בּויען

שטאַלן, שטעלכעלעך,

אַז שפּענער פליען בּיז די קני.

אַזוי־אָ דערציילט בּערל דער קאָנדוקטאָר

וועגן בּירעבּידזשאַן,

און וועגן דעם בּער,

וואָס ס'יאָגט אים נישט קיין יעגער,

נאָר ער איז אַ בּער — אַ וואַסערטרעגער,

און רייזל צייכנט תיכף אַן אַ וואָגן,

אַ בּאַן, אַן אויטאָבּוס.

אַבּיסל — זאָגט זי — וועט מען פאָרן,

און אַ בּיסל וועט מען גיין צופוס.

XII.

שמואל האָראָוויץ

שמואל האָראָוויץ, וואָס האָט נישט קיין ארבעט
שוין אין לאַנד אינעם פערטן.

אין פּוילן געשטרייקט און געהונגערט,
פאַרשיקט פון פאַריז,
געוואָגלט פון האָלאַנד,
דערנאָך אין אַנטווערפּן.
אין יעדן לאַנד, פון וואַנען ער האָט נאָר א פּאַס,
אָדער אַן אידענטיטע —
לויערט די תפיסה אויף אים.
אַלץ איינס — דער פּאַוויאַק,
צי אין גאָרטן די גרינע סאַנטע.

שמואל האָראָוויץ קען די פאַרשאָלטענע ווינקלען,
די שווינדל־מרעפּ, וואָס סקריפּען און זינגען און זאָגן:
אַהאָ וועט מען זינקען,
אַהאָ וועט עס נאָגן.
ער ווייסט דעם גערויש פון די נאָדלען,
וואָס שעפּטשען און זידן
און יאָגן זיך נאָך נאָכן גראָשן.
עס ווערט דאָרט דער ווינטער פאַרשימלט,

דער פרילינג פארלאַשן.

די ווירטינס אין אלטע אין זײַדענע קליידלעך,
וואָס רעדן א ליטווישן ייִדיש מיט פראנצויזישע ווערטלעך.
האָבן אײַנגעקויפט פּרצן, אַשן,
און אויסגעשטעלט זיי אונטער גלאָז,
אין באַגילדעטע שעכטלעך.

שמואל האָראָוויץ קען זיי די פינגער, די קאַרגע,
וואָס ציילן אויס שכירות באַזאָכט און פאַמעלעך,
גלייך זיי וואָלטן געריכנט צו עפּעס א קומען א טאָג —
אל מלך.
אל מלך.

קומט ער פאַרנאַכט אין לאָקאלן,
צוזאַמען מיט שטריקער פליסירער און קאַרבער.
צײַטונגען רוישן אין טרוקענע פינגער,
ווייס און געגאַרט
פלאַטערט דער חלום פון איין טאָג אַרבעט.

קען ער דעם טרויער פון הונגער,
דעם ריטם פון מאַרשן,
פון באַיאָנעטן דעם שטאָלענעם שטראַל.
ער קען די ווערטער
און קען דעם ניגון פון אינטערנאַציאָנאַל.

XIII.

די גרויע מאַרנאַרקע

עס שטראָמען, עס בליצן בולוואַרן,
עס שרייען די פּליטן,
די ראַדיאַרמײלער צעוואַרפן, צעשיטן,
עס פרילינג פון פידלען,
עס האַרבסט פון וויאָלן,
עס זומער פון גלעקלעך און לייכטע טאַמבורן.
עס שימערן זיידענע זאָקן
פון הורן.
עס טאַנצן די קנאַיפּעס.
עס שיטן אַפּצאַסן א האַסטיקן האָגל.
שמואל האָראָוויץ גייט דאָ פאַרביי —
ס'גייט פאַרביי דאָ א גרויע מאַרנאַרקע
אין ביינאַכטיקן וואָגל.

עס שטשירען די גלעזערנע ווענט פון וויטרינעס,
מיט עפּל,
מיט טאָרט,
און מיט ברויט,
און מיט האָניק.

עס בלייבט שטיין דאָ אַ ווײַלע די גרויע מאַרנאַרקע,
אַ צווייטע אַ גרויע,
אַ דריטע —— —— ——
איינטאָניק.
זיי קענען די קעלט פון פאַרטאָגן,
און פון דינער מאַרנאַרקע דעם ציטער,
און דעם גלאַנץ פון די שויבן, וואָס האָבן פאַררינגלט ——
די זעט
און דעם וואַרעם,
און איבערגעלאָזן דעם דרויסן די קעלט און געוויטער.

וואָס טראַכט זי די גרויע מאַרנאַרקע,
אַנטקעגן די טעפּלעך פון האָניק ?
מיט בליכקייט פון אויגן,
וואָס טראַכט זי ?
מיט שאַרפקייט פון קינען,
מיט ביינערדיקייט פון די הענט ?
זי טראַכט ——
אפשר טראַכט זי —— ווי דין זענען
גלעזערנע ווענט.

ס'איז פאַרטאָג.
אַ קאַלטער בלויט דער הימל.
די גרויע מאַרנאַרקע גייט זוכן אין ערגעץ
אַן אָנלען,
אַ בעטל אַ פרעמדס
אויף כאַפּן אַ דרימל.

XIV

פאַריזער הינטערגעסלעך

אַט ליגט פּאַריז.
עס יאָגט אַריין דער טאָג, ווי אַ געוויטער,
און גיט אַ וואָיע איבער פּאַרקן,
איבער שוי־פענסטער
און איבער קלינגענדיקן ניקל פון קאַפעיען.
און שמאָלע געסלעך, מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער,
הייבן אָן באַהאַלטן זיך,
זיך איינס אין אַנדערן פאַרוויקלען און פאַרדרייען.

אַט ליגט פּאַריז.
עס יאָגט אַריין דער טאָג, ווי אַ געוויטער,
און הויכע קלויסטערס שאָטענען
אין טאָגעדיקן ברען.
פון אונטן גרויע הענדלערקעס,
— אַלטע אומעטיקע קראָען —
הערן אין זיך, קאָנען נישט דערהערן,
די ווייטע מוזיקע פון סען.

אַט ליגט פּאַריז.

די שמאָלע געסלעך האָבן זיך פֿאַרדרייט, פֿאַרוויקלט,
פֿאַרבאַהאַלטן אַ זייטיקן פֿאַבריקל פֿון טריקאָטאַזש.
און סקריפּענדיקע שטיגן,
און אַרבעטערזוכער,
און עמיגראַנטישן באַגאַזש.

די גאַס פֿון שמואל האָראָוויץ,
פֿון זיין האָטעל,
פֿון גרויעם מאַנטל און פֿון אויסגעריבענעם קאַשקעט.
האָרט שפּילט פֿאַרנאַכט אַ הייזעריקער פּאַטעפֿאָן,
אַן אויסגעריבן לידל פֿון דער אַלטער מיסטאַנגעט.

דער זומערדיקער טאָג איז דאָ פֿאַרשאָטנט,
דער זומערדיקער אויפֿהערנאַכט — איז פֿיבערדיקע זאָרג.
צוויי טעג איז דער האָטעל נאָך אַ באַצאָלטער,
צען פֿראַנק באַקומען נאָך אויף באָרג.
דער זומערדיקער טאָג איז דאָ פֿאַרשאָטנט.
דער הימל בלויע לאַטעס, ווייסע בלויזן,
דער רעגנמאַנטל אויף די אַקסלען,
פֿאַרשטעלט די אויסגעריבענע, פֿאַרצירעוועטע הויזן.

אין טאָג פֿאַרקריכט דאָס געסל אין אַ שמאָלן,, טונקעלן אומפּאַס.
דאָרט זשומעט, ווי אַ פֿליג, דאָס טריקאָטאַזש־פֿאַבריקל,
וווּ עס אַרבעטן די אויסלענדער,
וואָס האָבן נישט קיין פּאַס.

עס זשומעט אויס אַ גרינגע האָפֿענונג

פון בליצנדיקע נאָדלען און קופּערשטיק פון פינעף פראַנק,
עס זשומעט אויס אַ שטייגל אין האָטעל,
און נאָך :
די באַנק אין סקווערל,
די אַרבעטסלאָזע באַנק.
פאַריז האָט דאָ פאַרגעסן אָנצינדן ביינאַכט,
די זוניקע, די גרויסע פייערן,
אין ווינקל פון דעם שמאָלן, טונקעלן אימפּאַס,
דאָס בלעכל פון אַ שיקלדיקן מאָגערן לאַמטערן
האָבן אַרומגעכאַפּט —
די דראָעטיקע שאָטנס פון דער גאַס.

פון אויבן נאָר ט'דאָ אָנגעצונדן זיך אַ שטיקל רויטקייט אויפן הימל,
הינטערן געסל האָט אַ קינאָ אויסגעשטראַלט ריעקלאַמעס
אין דער אָוונטיקער שעה.
און אויסלענדער אין גרויע רעגן־מאַנטלען
גייען זען אַן אַלטן פילם פון שאַרלאָ.
אין סקווערל אויף דער באַנק,
(בשכנות זיצנדיק נעבן אַן אַלטן שוואַרצאַוויגיקן קאַליף)
האָט שמואל האַראַוויץ געשריבן פריידקען אין אַ בריוו :
— פריידקע, אַ שטיקל בשורה.
ס'וועט איצטער גרינגער זיין.
ס'האָט אים אַ חבר זיינער, איינער ווינאָגורע,
אַרבעט צוגעשאַרט — אויף אַ חדשים ניין.
און אפשר מער.
זי'ט נעמען רייזעלען
און קומען אין פּאַריז, אַהער — — —

די בריוו אירע די לעצטע האָט ער איינגאַנצן נישט געזען.
(ער איז דערפֿון פֿאַר צער געוועזן קראַנק)
מען האָט זיי אין האָטעל פֿאַרהאַלטן,
ווייל ער איז שולדיק דאָרט געבליבן אַכט און צוואַנציק פֿראַנק.
איצט וועט ער אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק פֿון טריקאָטאַזש,
און זאָל זי, פֿרידקע, דאָרט פֿאַרפֿונדעווען פֿאַר רייזעלען אַ נאַש.

אין פֿרידקעס זוכט עפּעס מיט הייסע אויגן.
דער קויש. און פֿינעלע דער מאַרינאַנטער,
די דאַמעלעך — — — דער גאַנצער, גאַנצער פּלאָנטער — — — —
גענוג. גענוג. זי איז דערמיט שוין זאַט,
זי'ט גיין צוריק צו די פּעדאַלן.
צוריק צו דער מאַשין און צום וואַרשטאַט.
עס זוכן עפּעס פֿרידקעס הייסע גרויע אויגן.

XV.

אויף ראַנדע ווו מיט קאָמונאַרן

די טויטע ליגן שווער.
עס שוויגט דער פּער-לאַשעז.
די מאַרמאָרנע אַלעיען שמעקן מיט ווייַרייך
און מיט ביעז.

די טויטע ליגן פרום.
אונטער אַ וואַזע שמייכלט מאָליער.
ופשבנות מיט אַ גלח,
מיט אַ ראַנטיער
און אַ מעטרעסע פון אַ גראַנד.

נאָר ס'וואַכט די וואַנט.
זי וואַרט. זי היט.
מ'עט קומען אָפּגעבן אַ גריס,
מיט טריט,
מיט האַרטע טריט.
אַ סך.
אַ סך.

אין גרוי, אין שטויב, אין נויט,

קומט דאָ פּאַריז,
מיט טריט, מיט האַרטע טריט,
אָפּגעבן אַ גרוס.

עס וואַכט די וואַנט.
די רויטע בלעטער קרענץ
מאַנען טונקעלע און שטרענגע.
די גרויע ציגל אָנגעכמורעטע געדענקען — — —
געבראַכט,
געבראַכט,
געבראַכט,
ברעכן זיך טריט.
עס גייט סען־קלו,
עס גייט בעלוויל,
עס גייט די פּרויען־אַפּטיילונג פון רעפּובליק.
אַ רויטע שלאַנג ט׳אַרויפגעוואָרפן אין דערהויך
ווילזשואיף.
עס גייט סען־דעני
קלישי,
און דער קאַרטיע לאַטען מיט יונגטלעכן „וויוו״.

אין טויטער פרומקייט שרעקט זיך פּער־לאַ־שעז.
אין ווייסער בלאַסקייט טוואַליען זיך בולוואַרן.
אַזויפיל טריט,
אַזאַ אַלאַרם.

אין גרוי, אין שטויב, אין נויט,

קומט דאָ פּאַריז,
אויף ראַנדעװו מיט קאַמונאַרן.

עס שוימען זיך די װײַסע פערד,
און װײַסע גומע־שטעקעלעך אין הענט.
עס שוימען זיך די װײַסע פּערד,
די דינע פּיס פאַרקלעמט.

אַ גרויער שטראָם.
קאַשקעטן.
פּענער,
פּנימער
און שטרויען־היט.
און טריט.
און טריט.
און טריט.
אין װײַסער בלאָסקייט בוואַליען זיך בולוואַרן.
אין גרוי, אין שטויב, אין נויט,
קומט דאָ פּאַריז,
אויף ראַנדעװו מיט קאַמונאַרן.

XVI.

די האַרטע נאָנטע וואָר

פֿרידקע האָט אויפֿן טיש אַ בריוו געפֿונען.
מיט אותיות צעוואָרפֿענע געשריבן דער אַדרעס.
פּאַריז. אַ פֿרעמדער כּתב. נישט שמואלס.
דאָס האַרץ ט'געטאָן אַ זעץ.

שיינדל קאַנאַריי ט'געשריבן קורץ
,,פֿרידקע,
זיי נישט אומרויִק פֿון שמואלן. ער איז געזונט.
מ'האָט אים פֿאַרהאַלטן ביים פּער־לאַ־שעז.
ער איז אַרויסגעשיקט. איז אין אַנטווערפּן אַ צײַט מסתּמא.
זיי רויִק, פֿרידקע, און די פּעדאַלן נישט פֿאַרגעס''.

דער ווייכער בריוו, די אותיות צעוואָרפֿן,
ט'געשריען, ווי אַ הילכיקער אַפֿיש.
פֿרידקעס ייִנגלערישער קאָפּ איז שווער געוואָרן.
איז צוגעפֿאַלן צו אַ ראָג פֿון טיש.
ווערטער קלינגען.
שלאָגן אָפּ אין מוח האַסטיק, הייס, מיט אַ גערויש.

ווידער פּיניעלע דער מאַרימאָנטער, די גאָלדסאַרנאָווע
און דער קויש.

ווערטער יאָגן.
דער פרעמדער פּער־לאַ־שעז קלינגט הילכיק, קלאָר.
און שווער שטייט אויף אין גרוי, אין שטויב און נויט —
דער מאָרגנדיקער זעקס באַרטשאַג.
דער קויש. די נאָנטע האַרטע וואָר.

מײַן שלעפּ־שיף

מײַן שלעפּ־שיף

מײַן שלעפּ־שיף,
מיט צעאָדערטער פּאָן,
מיט צעשלאָגענע שויבן.
און איך, דער טרויעריקער קאַפּיטאַן,
האָב צעטריבן די װערטער די שטילע —
די טויבן,
זיי זאָלן נישט פֿרומען אין אויערן,
זיי זאָלן נישט װאָרקען,
נישט לויבן.
איך האָב זיי געננבֿעט מײַנע װערטער —
די ערלעכע טויבן.

עס װיאָנעט און װיאָנעט דאָס לעצט ביסל בלוי פֿונעם הימל,
װאָס כ'האָב ערגעץ פֿאַרמשכּונט,
בײַ קינדערישער חבֿרה,
װען כ'האָב זיי געלערנט צו זאָגן אַן אַלף,
צו שרײַבן אַ בית
און צו לייענען אַ גימל.

עס װיאָנעט און װיאָנעט דאָס לעצט ביסל בלוי פֿונעם הימל,
װאָס כ'האָב ערגעץ באַהאַלטן
פֿון שטיינער פֿון שונאים,
פֿון קאַלטקייט און צומער,
פֿון פֿינסטערע נעכט פֿון פּאָגראָמען.

איך פֿיל אַזוי דיטלעך אויף זיך איצט מיין בעטלעריש העמד,
און אַזוי איבעריק זענען פֿון העמדער די זיידענע לאַטעס.
עס איז מיר דערווידער און פֿרעמד
דאָס געשריי אַרום מיר און דער טומל :
פֿון ווערטער דער טריפֿענער שעטנז.

און פֿאַרפֿייניקטן מוח לויפֿט דורך דער געדאַנק, ווי אַ נאָדל, —
כ׳קריג בריוו אַנאָנימע פֿאַרפֿוילטע מיט בלוטיקן פֿאָדים,
כ׳קריג בריוו אַנאָנימע פֿאַרפֿלעקטע מיט ווייבערישע טרערן.
זיי בעטן :
מיר קאָנען דעם פֿלאַטער פֿון זיידענע ווערטער נישט הערן,
מיר קאָנען נישט לייענען —
מיט ביטערע אויגן...

טססס....
אַ ווײַלע פֿון רו.
מיין טויבן־שלאַק שטייט אַ פּאַרווסטער,
אַזוי־ווי מיין שלעפּ־שיף פֿאַראומערט,
און וואַרט אויפֿן חלף פֿון בליץ,
אויף צעטרייסלונג
פֿון דונער...

טססס....
אַ ווײַלע פֿון רו.
עס בלייט נאָך אין עורגע אַ שטיקל פֿון הימל,
וואָס כ׳האָב פֿאַרבאַהאַלטן ביי גאָט...

טססס....
אַ ווײַלע פֿון רו.

מ י י ן ט א ג

מיין טאָג
איז אויסגעשטאָכן, ווי אַ זיפּ,
און אויסגעלאַכט ווי אַ שגעין.
זאָל די ווייסקייט ווינטער בליען,
זאָלן האַרבסטן גראָען,
זאָלן זומערס פּיפּען —
סאָלאָוויען.
ס'האָט אַ סאָרנווינט
געוואָלט מיין האַרץ פאַרדרייען,
פאַרשכורן,
פאַרזומערן —
האָבן דאָ, עס גאָס
דריי פרויען פון דריי חרובֿריקע צימערן,
ווי פון זינקענדיקע שיפן,
אויסגעשטרעקט צו מיר די פויסטן:
בלייבע,
ביינעחריקע,
געשלעסטלאָזע —
פויסטן פון עם דלות,
און האָבן מיך באַשוואָרן:
עס זאָל מיר ענג זיין
אין מיין זומער, אין מיין ווינטער, —
אין צפון און אין דרום.

און כ׳קען אין ערגעץ נישט אַנטלויפן.
עס זענען די וועגן פאַרנומען, פאַרנומען.
אָט שטייען די קולבאַקישע בראָנזענע יונגען,
מיט פּאַפּירענע בלומען,
מיט ליאַלקעס פון גומע.
די יונגען, וואָס קאָנען צעטראָגן אַ שטאָט,
און אויסבויען באַנען
און איינזייען גערטנער און פלאַנצן.
זיי האַנדלען, ווייסט דער טייוול מיט וואָס —
מיט מײַן האַרץ און מיט פּאַפּירענע פאַנטן.
זייער קול:
ס׳איז חוזק,
ס׳איז שפּאָט,
און ס׳איז בלוטיקער דראָען.
און אַזאַ איז מײַן טאָג:
אויסגעלעכערט, ווי אַ זיפּ.
און אויסגעלאַכט, ווי אַ שגעון.

סאָמום

אַרום
דער בּרענענדיקער ווינט
סאַמום.
אומגליק און וואַנדערן
אין שוואַרצע גאַלאָפּן.
מיט סטענדערס פון בלוט
און מיט פאָנען פון שחיטה
לויערן די תּפיסות פון אייראָפּע.
פגימער פינסטער
און אויגן פאַרלאָשן.
אין גאַס גייט דער בירגער
באַהאַלטן ביים האַרצן
אַ ברויט,
און אַ פּאָר קאַלאָשן,
און נאָך אַ פּאָר נייטיקע זאַכן.
און אפשר אין שענק,
אין שכורן פלאַפּל,
אַ גאַסן־פרוי דערוועגט זיך צו לאַכן.

עס שמייכלט
אַ שוואַנגערע פרוי צו איר טרוים,
צו אַ קינד,
צו אַ וויג,

צו אַ נאַכט־ליד.

נאָר הינטער די שויבן
דערהערט זי:
עס שלאָגן די אייזערנע טריט,
עס פּאַכען די פענער פון שחיטה,
די כוואַליעס פון גרויל,
און ס'פּייַפן פאַרשרויפטע ליפּן:
— הייל — הייל!

וואַקסט איר בויך, ווי אַ באַרג,
ווי אַ קבר,
עס וואַרט שוין אין ערגעץ אַ וואָרעם,
אויף אַ האַזיינקען, קינדערשן אבר.
און דעכער פון הייזער
זעגנען אָפּן, ווי סוכּות,
און זוכן,
און פּילן:

עס פייפען,
עס שפּילן —
אַ האָרן,
אַ צווייטער,
אַ דריטער.

און ס'וויינען די האָרנס, ווי מאַמעס,
און פייפן, ווי מעסערס,
און שרייען אַזוי ווי דימיטראָוו.
און בעטן,
און בלוטן,
און דראָען.

און ס׳וויגן זיך גאַסן,
אונטער פּערדישע טלאָען.
כ׳האָב מורא צו קוקן אויף ווייסקייט פון העלדזער.
— עס שווינדלען חלומות פאַרביי מײַנע אויגן,
אַפילו ידורך זוניקע שטראַלן.
און ס׳יאָגן פאַרביי קאַראַוואַנען,
וואָס שרייען אַזוי ווי שאַקאַלן
און פאַכען מיט פּענער פון שחיטה,
מיט כוואַליעס פון גרויל,
— הויל — הויל.

אײלנדיקע סטראָפֿן

זומער ?
װינטער ?
יוגנט אָפּגעזעגנטע,
צי פֿרילינג ?
אַלץ נאָך נישט געטראָפֿן — — — — — —
עס לױפֿן מײַנע אײלנדיקע סטראָפֿן,
װי איך װאָלט װעלן שמיצן דעריאָגן.
מסתּם אַ גרינגעם טאָג,
װען איך האָב אױפֿן טיש געטאַנצט צוליב די נײַע שיך־און־זאָקן.

פֿאַרהאַק צוריק !
אַ טעות !
און אַ פֿעלשונג —
עס יאָמערט אַזױ בײז אין מיר
אַ לאַנג פֿאַרשװיגענער געװיטער.
עס קול נגען אין מײַן בלוט צעהאַקטע שױבן,
עס זשאַװערן פֿאַרדוקטע רוגן,
עס טופּען איבער מײַנע שלאָפֿענדיקע אױגן,
קרײצלערישע צונגן,
און קרײצלערישע האַקן,
און תּהילימס,
שװערע, אױסגעװײנטע תּהילימס
לאָסטן נאָך,

און ברעכן מיר דעם נאַקן.

איינס
און צוויי,
און דריי,
עס שפּילן קינדער זיך אין פערדלעך
און אין לייצן.
מסתם איז חודש מערץ,
אַפּריל,
צי מאַי.
און ס'וועלן פרילינגדיקע טייכן באַלד אַ ריס טאָן זיך,
פאַרפליצן,
און זיי אַנטקעגן וועט אויפבליען די ערד
מיט קרויט,
מיט עפּל
און מיט קאָרן — — —

פאַרהאַק צוריק!
אַ טעות
און אַ פעלשונג —
עס פליען פייגל בלוטיקע,
און ס'זינגען וועגן שווערד און מאָרד
רווישיקע און שטאַלענע מאַטאָרן...

ד ר ײ ַ ק י נ ד ע ר

עס שלאָפֿן דרײַ קינדער.
דרײַ עלנטע ווערים.
פֿאַרמאַטערט: פֿון טויט פֿון דער מאַמען,
פֿון האַרבסטיקן קריכן אין וואַסער,
צווישן רייען מיט קבֿרים.

די מײַלער די קינדערשע װאָפֿן,
די נאַכט האָט די גופֿים פֿאַרוויגט
און פֿאַרשלאָפֿן,
פֿאַרשאָטן דאָס פֿינצטערע בערגל,
פֿאַרהוילן די טאָלן,
נאָר וואָך איז געבליבן דער ווייטיק.
און צוקט אויף די ווייעס,
און קראַמפּט אין די קניען,
און יאָמערט אין קינדערשן חלום.
אין פֿענצטער אַ ווייסע לבֿנה
גיט אַ בלועטר און אַ שויקל,
און פּלוצלינג צערײַדן זיך אַלע:
דאָס מײדל אויף שלאָפֿבאַנק,
דאָס ייִנגל אויף קאַסטן,
דאָס קלענסטע אין וויגל:
— עס וועט דאָך נישט זײַן קיין מצבֿה,
קיין סימן,

ווער וועט דערנאָר, אין די שנייען,
דאָס בערגל געפינען ?

עס טליפען דריי קינדער, דריי עלנטע ווער׳ב
אנטמעסן דער הויכקייט פון הימל,
אנטקעגן דעם נאָלד פון די שטערן.

מעקסיקאַנער מאָטיוו

שווייגנדיקער,
דיין שטילקייט איז איבערגעריסן דורך לידער.
איך קען די ביטערקייט פון דיינע גראָע שעהן,
די שעהן פון הונגער.
וואָס פון זייער לאַסט הויקערט זיך דאָס לעבן.
גייען זיי זייער וועג, ווי קראַנקע הינט.
דער ווייסער פאַרשטייט נישט, אַז אין מיטן
דיין שווייגן,
זענען לויכטנדע וועגן פאַראַן ווי מעטאַלענע פעדים
וואָס אויף זיי האָט דער טאָג זיינע פינגער פאַרגעסן,
זיי משווירקען לעגענדעס.
נאָר ווען דו וועסט אויסשטרעקן דיין האַנט,
וועט ברייט ווערן די ערד,
און ווען דיין ווילן וועט זיין
וועט דיין האַנט צעהאַקן דעם שאָטן פון הונגער,
וואָס בינדט דיך צו דער ערד.

ס'איז דורכזיכטיקער מערץ. פֿון אונטער ווייסן שניי
גרינט גראָז.
הויך, איבער דעכער, אַ שטאָלצער קוימען
צינדט אָן אַ רויכערדיקן פּאַפּיראָס.

ס'איז דורכזיכטיקער מערץ. מיטן ווינט
ווינט אַ צווייג.
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע גייט די הינטערגאַס
און טראָגט אויף אַקסלען: שטרייק.
ס'איז דורכזיכטיקער מערץ. דער הימל בלויט
אויף יאָ.
עס הוסט דער ווינט און זאָגט: ס'איז שיין.
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע גייט די הינטערגאַס
און זאָגט אויף אויסנווייניק: ניין.

מיין סאַמעטענע סטעזשקע

אָזוי, מיין סאַמעטענע סטעזשקע,
וואָס כ'גיי איבער איר די זאַקן צערייסן.
נאָך מיר לויפט מיין שאָטן — אַ גרויסער וואָלף —
ווי איך אַליין באַוואָלט
און פאַרביסן.

וואַלקנס אָנטקעגן, שווערע פינסטערע אַרמייען —
רוקן זיך —
וויגן זיך —
אומבארעכנט גייען זיי —
גייען און גייען.

אָזוי, מיין סאַמעטענע סטעזשקע,
איז אַמאָל געלאָפן צו בלויע ימען —
כ'האָב היינט געזען אַ גרויסע שוויימענדיקע ריי,
אַ גרויסע שוויימענדיקע ריי פון מאַמעס.
פעקלעך אין די הענט :
אַ העמדל מסתם,
אַ לעבל ברויט,
אַ; אוי.
(מאַמע ווי די קליידער ווערן-אָן די פאַרבן,
ווען מען שטייט אין גרויסער שוויימענדיקער ריי).

אַ־וואָ, מײַן סאַמעטענע סטעזשקע,
און איך —
איך קען נאָר אַלץ אַ ווײַטן חלום נישט פֿאַרגעסן.
ס'שווענקט זיך אין מײַן בלוט אַ יוגנטלעכע
בענקשאַפֿט,
וואָס האָט שוין מיך אַליין פֿאַרמאַטערט און דערעסן

אַ־וואָ, מײַן סאַמעטענע סטעזשקע,
אויסצוגיין פֿאַר געלעכטער:
עס שטשירעט מיט די ציין מײַן שאָטן,
מײַן איבעריקער און וואַכער וועכטער:

כ'האָב הײַנט אַ לעק געטאָן אַ חזירשן שנוק,
צוליב דרײַ פֿאַרשימלטע גראָשן.
קבצעחראַלער אומגליק!
מײַן סאַמעטענע סטעזשקע האָט זיך אויסגעלאָשן,

אייביקער פיבער

ס'איז זייער העל.
איך זע שוין איצט, ווי ס'לעבן גייט אריבער.
ס'איז נישט קיין גרינער זומער,
און נישט קיין ווייסער פרילינג —
דאָס איז מיין אייביקער פאַרפירערישער פיבער.

און שטוב ביי מיר איז קאַלט,
עס פרירט דאָס וואַסער,
און ס'איז שוין אָטהאַזוי נישט ערשטער ווינטער,
איך בין דער וואָלף,
דער האָז,
דער וועווריק,
וואָס שפרינגט פון טאָג צו טאָג,
פון שעה צו שעה אריבער.

אין שטוב ביי מיר איז קאַלט,
עס פרירט דאָס וואַסער,
עס שטייען פוסטע אַלע אַרסענאַלן —
ווייס איך נישט:
אפשר וועט דער וואָלף זיין רייב געפינען.
און אפשר.. אפשר וועט ער פאַלן.

מ י י ן ד אַ ך

מיין דאַך איז גרייט
אַ פֿויגל ווערן,
זיך אַרויסקרייסן,
מיך לאָזן נאַקעט פֿאַרן רעגן און פֿאַר נויט.
ס'האָט היינט אַ שנאָבל פֿון אַ שטעקן אָנגעקלאַפּט צו מיר אין שויב,
מיט שטילן פּיקן אויסגעפּיקט מיין פּרייד,
געמאָנט ביי מיר די לעצטע קוש,
און דאָס לעצטע קלייד.

מיין טיש האָט זיך קבצניש צוגעטוליעט צו אַ וואַנט,
מיין שויב איז גרוי אַלכסונדיק באַרעגנט,
באַזאָרגט מיט צעטל פֿון עקסמיסיע,
(האָס נעמלעכע צו הערן פֿון מיין גאַנצער געגנט).

אַ ליד אָן אַ נאָמען

צוגעמאַכט די אויגן.
אויס מיט זון
און אויס מיט גראָז.
עס שווימען וואָלקנס — מײַנע פֿינסטערע פֿאַרדראָסן,
אײַנגעבראָכן און מיט שווים פֿאַרלאָפֿן,
און די הענט — אויסגעפּרוווטע, שווערע וועסלעס,
רודערן צו פֿינסטערקייט פֿון צפֿון.
איך ווייס נישט, ווער ס'קלאַפּט מיר אין די שויבן:
צי אַ האָגל,
צי אַ רעגן צעפּלעסקעט און צעפּלאַסן,
צי די קולות פֿון די צײַטונגסרײַנגלעך,
צי די פּלאַמיקע געשרייען פֿון קיאָסקן.
און אפֿשר זענען דאָס די שאָטנס,
גרויע,
מאָגערע,
וואָס ליגן כורעים אויף פֿאַרוואָרפֿענע שאָסעען,
קנעטן לײַם
און האַקן שטיינער —
געטריבן פֿאַרוויין,
גייען, גייען, גייען,
ביז פֿינסטערע קאַשאָרן — — — —
ס'איז קיין האָגל נישט,
דאָס זענען טריט, וואָס שאַרן זיך און שאַרן.

מײַן קרוב טשאַן-כין

מײַן קרובֿ טשאַן־כּיז

מײַן קרובֿ, דער כינעזער טשאַן־כּיז,
האָט געהאַט אַ סערװיז:
צװײ טעלער.
אײנער אַ בלױער, און אײנער אַ געלער,
אַ גלאָז
און אַ פֿלאַש מיט אַ לאַנגער נאָז,
אַ לעפֿל אַ האָרבאַטן,
און אַ טאָפּ אַ שטשערבאַטן.
האָט עס דער כינעזער געהיט און געפּוצט,
װײַל דאָס איז געװען זײַן האָב און זײַן גוטס.
און בײַ װעמען טרעפֿט זיך אַן אומגליק,
אױב נישט בײַם אָרעמאַן?
איז אַזױ פּאַרלאָפֿן בײַ מײַן קרובֿ טשאַן:
די טעלער
האָבן צעבראָכן די פּיסקעס אַראָפּ
און בײַ געװאָרן אױפֿן שטשורבאַטן טאָפּ.
דער טאָפּ האָט געמאַנט בײַ דער פֿלאַש מיט דער לאַנגיצ־
נאָז.
— כאָטש אַ טראָפּן מילך.
— כאָטש אַ האַלבע גלאָז.
און דאָס גלאָז האָט אױך געמאַנט פֿון פֿלאַש.
און דער האָרבאַטער לעפֿל
האָט אױך געװאָלט אַ נאַש.

איז געוואָרן דער גרויסער ברוגז,
דער בלוטיקער געשלעג.
ס'איז נאָר פאַרבליבן
דער בלויער טעלער,
און פון טאָפּ דער דעק.
אַזוי איז ביי מיין קרוב מישאָזשקין
געוואָרן אויס מיטן סערוויז.

א לעפל רייז

געווען איז אין כינע א קייסער,
ווי אלע קייסאָרים,
א קלוגער,
א גוטער.
האָט איינמאָל דער קייסער געזאָגט:
— כ׳לאָז וויסן פאַר אלע,
פאַר קינד און פאַר מוטער,
פאַר קליין און פאַר גרויס —
אלץ מעג מען אין כינע:
אַקערן, זייען,
און בויען א הויז,
און האָדעווען שאָף,
און וועבן,
און פאַרבן פאַרשידענע שטאָף.
נאָר הערן כ׳האָב פיינט
און איך הייס:
ס׳זאָל קיינער נישט וואַגן דערמאָנען:
„א לעפל מיט רייז".
נישטאָ קיין פאַרוואָס
און נישטאָ קיין פאַרוואָס.
אַטראַזוי ועט געשען.
יעס וועט צאָלן מיט לייב און מיט לעבן
און מיט יעטווידן פרייז,

ווער ס'וועט וואגן דערמאנענ :
— „א לעפל מיט רייז".
איז שלווה געווען אין כאנע.
און געווען איז רו.
ביי וועמען האט פעלר האט געפלים,
זיך געמאלקן די קו,
האט זיין פנים געלויכטן,
ווי עס שטייט דארט געשריבן ביי בורא.
און ווער ס'האט קיין פעלר נישט געהאט,
און קיין קו,
האט ער קיין רייז נישט געהאט,
נישט קיין מילך —
און האט געווויינט, אזוי־ווי א הונט אין זיין בורע.
און ווערטער געוואיעט,
ווייל וואס וועט ער זאגן ?
אז עס האט דער קייסער באפוילן
צעקלעפן אויף ראגן :
אין נאמען פון בורא,
אין נאמען פון הייליקער הימלישער שפייז,
מען טאר נישט דערמאנען אין כינע —
— „א לעפל מיט רייז".
זענען מענטשן געקומען,
אזוי־ווי עס שטייט אין די מעשיות :
ערלעכע,
גוטע
און פרומע
און ביי די, וואס וואיען פאר הונגער,

זיך פרעגן געגומען :
— „זאָגט, וואָס ווילט איר ?
זאָגט, האָט נישט קיין בושה — — —
מיר זענען דאָך
ערלעכע,
פרומע,
און פולע מיט קדושה.
מיר וועלן זיך טיילן מיט אייך,
א שעה נישט פארזאמען,
נאָר זאָגט, וואָס איר ווילט,
און רופט דאָס אונז און ביי דעם נאָמען" — — —
האָט דער הונגער געוואָיעט נאָך־שטאַרקער, נאָך־העכער,
ווייל דער לעפל מיט רייז, זייער גאָלדענער חלום
האָט געפייניקט די צונג,
וואָס מאָר נישט די דאָזיקע ווערטער דערמאָנען,
האָט דער הונגער געעפנט די ליפּן,
די פארטריקנטע, קרומע,
און האָט ווערטער גערעדט צו די מענטשן:
די גוטע,
די פרומע :
— „א, הוינט, וואָס איר זענט !
ס'איז שטאַרקער פארדראָס,
און ווי פינקלעך און באַנג,
וואָס בולדע האָט ווערטער געגעבן פאַר אייך,
און דאָס וואָרט איז געוואָרן א שלאַנג."
האָבן די מענטשן
די ערלעכע,

גוטע

און פרומע

געקוועטשט מיט די אקסלען :

— „וואס איז דער געביזער ?

וואס שרייט איר אויף אונז, ווי די דולע ?

מיר, פארקערט, מיר זענען געקומען מיט הערצער מיט פולע,

מיר וועלן א שעה נישט פארזאמען,

נאר זאגט, וואס איר ווילט ?

און רופט דאס אונז אן ביי דעם נאמען

אזוי זאגט די מעשה פון כינע.

מ י י ן ר ב י

נאַכט.
עס רוען שווערע פֿאַרמאַטערטע הענט.
מיינע הענט, וואָס זענען ווי פֿויגל, וואָס יאָגן נאָך רויב
אַ שעה זעכצן אַ טאָג,
מיט געזאַנג צו דער זון
און מיט האָפֿן צו ברויט.
נאַכט.
אין מיין שטוב שווימט אַריין אַ געצונדן ליכט.
די אַלטע לבנה,
מיט אַ יונגן געזיכט,
און זי טוט מיך אַ גלעט :
זאָג, דערציל.
וואָס מאַכט דיין פֿאַרחלומט בעט,
און דיין שטוב, ווי אַ הייל.
— גאָרנישט מיט גאָרנישט,
כ׳האָב די לאָרן פֿאַרמאַכט און אַרויס,
איצט כ׳לערן זיך שרייבן ביי אַ פֿלינקער רעדאַקציע־מויז
(ער איז נישט פֿון די ערגסטע מיין רבי)
ער זאָגט מיר : „זאָג איינפֿאַך אַ וואָרט,
און מיט האַרפֿסטיקע ווינטן נישט פֿעפֿע’’.
און ער גיט מיר אַ שטאָרך,
און אַ שטופּ,
און אַזוי, און אַזוי,

הער איך,
און כ׳פאַלג
און איך זאָג:
ברוך הוא, וברוך שמו.

קראָקאָדילן

אַ זייגער זעקס פֿאַרטאָג.
עס שנעלן רעגן־טראָפּנס פֿלינקע,
טשאָפּעט ישׂראל לייב,
זוכט אַ פּאַטשינקע.

און פֿון זיין כאַלאַטל
שמייסן זיך די פּאָלעס.
און ס'קריכט די קעלט אונטערן קאָלנער,
ווי אין בײַן דער גלות.

זײַנע אַלטע שטיוול סקריפּען,
ווי אַ קאַטערינקע,
טשאָפּעט ישׂראל לייב,
זוכט אַ פּאַטשינקע.

און דער שכן בערוש,
מיט שמייכלענדיקע ברילן,
פּאַפּט נאָר גאָר און כראָפּעט,
אויף די שווייבן שפּילן. ——

קלאַפּט ישׂראל לייב אין שויב
מיט אַ האַרטן פֿינגער:
— עיזהו, פּאַניע שכן,

עפּעס אַ פּאַטשינקע ?
— אַ פּאָר גוטע ווילן
— קיילעכדיקע לאַטעס,
— צאַצקעדיקע שנאָלן — — — — — —
כאַפּט זיך אויף, ר' בערוש !
— אין דיין טאַטנס טאַטן !
סאַמע מיט פון חלום !

די שמייכלענדיקע ברילן
טוען זיך אַ הויב,
קומט אַריין אַ נאַסער
דער גאַנצער ישראל ליטב.

—ניט קיין ווילן, פאַניע שוסטער, ניט קיין לאַטעס, שנאָלן
— שמייכלען-צו די ברילן —
מאַכט מיר אַ פּאָר טופל
פון אמתדיקע קראָקאָדילן !

פּלאַצן פלוצלינג אַלע שויבן.
קראָ—קאָ—דילן ?
די סטעלע גייט אַ קאַזאַק,
עס הויערן זיך די דילן,
עס לאַכן, שרייען
בילן —
אַלע קראָקאָדילן.

— פּע, כאָלאָשעס, ישראל לייב,
אינמיטן אַרבעט כאַפּט מען גאָר אַ רוּשימקע ?
ער מוסרט זיך אַליין. ס׳איז זעקס פאַרטאָג.
ישראל לייב פאַרענדיקט דעם שכן בערושעס פּאַטשינקע.

מיין ערן־וואָרט

אַ ווייסער וואָלקן פֿריילינגדיק און שנעל,
מיין ערן־וואָרט,
ער יאָגט זיך צו מיין שוועל.

מיין ערן־וואָרט,
ער יאָגט זיך צו מיין טיר —
בשכנות ווינט די אַבצניעריקע,
מסתּם צו איר.
טאָקע צו איר.

אַ ווייסער וואָלקן פֿריילינגדיק און שנעל,
מיין ערן־וואָרט
ער טראָגט די מלכּה שעל.

מיין ערן־וואָרט
ראָמאַנטיש איינגעהילט.
בשכנות ווינט די אַבצניאָריקע.
האָב איך די קאָרט פֿאַרשפּילט ?
טאָקע פֿאַרשפּילט.

פריינדשאַפט ליבע, שטיין דערווייזען

„פריינדשאַפט, ליבע, שטיין דער ווייזען"
האָט געזוכט דער קלוגער היינע.
אומזיסט איז זיין דערפאַרונג און אומזיסט זיין צער,
מיר זוכן אַלץ דאָס זעלבע און בלייבן אויך צום נאַר.

און לאָמיר זיך נישט קימערן,
די זאַך איז אימערער פון אַלע אימערן.

און אפשר נאָך אונז דער פינסטער דור פּאָעטן,
האָס וועלן שלאָפן שוין אין געזעלשאַפטלעכע בעטן,
און טראָגן עדיסאָנס קראַוואַטן,
וועלן אויך זוכן דאָס זעלבע,
און אויך ווערן פאַרראַטן.

און אפשר וועלן זיי באַווייזן,
אַז ווינטער מוז עס שנייען,
און זומער מוז עס גרינען.
און די לבנה — ווי שיין זי זאָל נישט זיין —
מוז פאַרטאָג אַוועקגיין אין איר רו אַריין.
אין אַזוי קלוג וועלן זיי ווערן די פּאָעטן, אונזערע צוקונפטיקע ברידער
אַז זיי וועלן אינגאַנצן מער נישט שרייבן שוין קיין לידער.

דעם טאַטנס פּעלץ

געדענקסט דיין פּעלץ דעם היימישן און שווערן,
אַ ירושה נאָך פון פעטער שאַיע,
מיט אַרבל שווערע, ווי די בערן
און ווי אַ קישן, גינציקע, געטרייע.
אין טיפער קעשענע געפין איך אָפטער דיינע אַלטע ברילן.
באַטראַכטן זיי מיך זייער פילאָזאָפיש
און מורמלען־צו פאַרדראָסיק: קאַדיע, קאַדיע,
ווי ווערט נישט נמאס דיר זיך וואַלגערן אונטערן פּעלץ
און שרייבן אַ חד־גדיא, און אַ חד־גדיא.

און גלייב מיר, אַלע לידער וועלן נישט געפינען,
וואָס עס שמועסט אַ ווייסער שטיין פון אַ מצבה מיטן בלויען הימל,
און וואָס עס רעדט דאָס גרינע פרילינגדיקע גראָז
צו דעם אַלטן גערטנער, דעם גרויעם באַלעבאָס.
און אפילו, ווי עס קריגן זיך געזאַנג פון לייבנדיקן פּאָז
מיט די טריט פון פוסגייער, דעם אָרעמאַן.

דערזען — די ברילן זענען אַוועק אין הויכע דרכים,
בין איך מיט ביידע אויערן אונטערן פּעלץ פאַרקראָכן.
נאָר אויף דאָרט, אין דעם פאַהעלטעניש דעם שטילן,
הער איך אַלץ, ווי ס'זשומען נאָך דעם טאַטנס אַלטע ברילן.

אינהאַלט:

פרײדקע

1. פרײדקע 5
2. די סטעליע נידעריק 9
3. דער קויש 11
4. בײ פשעניצאַן אין וואַרשטאַט . 16
5. שטרײק 23
6. שײנדל קאַנאַרײ 27
7. די שיף פאַראַנקערט זיך . . . 29
8. זײגערס קלינגען 31
9. האָטעלן אין פאַריז 36
10. אַ בריוו 38
11. קינדער 41
12. שמואל האָראָוויץ 46
13. די גרויע מאַרנאַרקע 48
14. פאַריזער הינטערגעסלעך . . . 50
15. אויף ראַנדעוווּ מיט קאָמונאַרן . 54
16. די האַרטע נאַכטע וואָר 57

מײן שלעפ-שיף

מײן שלעפ-שיף 61
מײן טאָג 63
סאַמום 65
אײלנדיקע סטראָפן 68
דרײ קינדער 70
מעקסיקאַנער מאָטיוו 72
פײזאַזש 73

מײַן סאַמעטענע סטעזשקע 74
אײביקער פּיבער 76
מײַן יחאַד 77
אַ ליד אָן אַ נאָמען 78

מײַן קרוב טשאַן־כּיז

מײַן קרוב טשאַן־כּיז 81
אַ לעפּל רײַז 83
מײַן רבי 87
קראָקאָדילן 89
„פרײַנדשאַפט ליבע שטײַן דער װײַזען" 93
דעם טאַטנס פּעלץ 94